# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ע"א / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת שמיני / ניסן תשפ"ה

## הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זצ"ל
## א' אייר

הרה"ק רבי שמואל שמעלקא בן הרה"ק רבי צבי הערש. ער איז געווען א ברודער פונעם הפלאה.

### די צוויי הייליגע ברידער

ס'שטייט אין ספר תולדות שמואל, וואס איז די הקדמה אויפן ספר 'דברי שמואל' פונעם רבי'ן ר' שמעלקא, אז זיין מאמע האט געזאגט אז זי האט צוויי קינדער, איינער בענטשט נישט קיין 'ברכת המזון', און איינער ליינט נישט קיין 'קריאת שמע שעל המטה'... ז' האט עס מסביר געווען, איינער עסט נישט קיינמאל, ממילא דארף ער נישט בענטשן, איינער לערנט אגאנצע נאכט, און לייגט זיך קיינמאל נישט שלאפן ממילא דארף ער נישט ליינען קרי"ש.

### לערנען איבער די כוחות

אמאל האבן די צוויי ברודער געלערנט צוזאמען, און דער הפלאה איז זייער מיד געווארן, האט ער גענומען א קישן און אראפגעלייגט דעם קאפ און איינגעשלאפן.

האט ר"ר שמעלקא אים שפעטער געפרעגט: "טייערער ברודער, פארוואס שלאפסטו?" האט ער אים געענטפערט: "זעסט דאך אז איך בין געווען מורא'דיג מיד". האט אים ר"ר שמעלקא געזאגט: "ממילא אויף דאס וואס דו שלאפסט ביסטו גערעכט, ווייל דו ביסט געווען זייער מיד, אבער אין די צייט וואס דו האסט גענומען דעם קישן און עס אונטערגעלייגט, וואלסטו דאך געקענט לערנען..."

*

אן אנדערע נוסח איז דא: אמאל האבן זיי געלערנט צוזאמען צוויי און האלב מעת לעת אנע שלאפן אין א בוידעם, און ס'איז אויסגעקומען אז אינמיטן לערנען האט מען געדארפט נאכקוקן א רמב"ם, האט מען געדארפט אראפגיין אין דער דירה נעמען דעם רמב"ם, איז בשעת דער הפלאה איז אראפגעגאנגען די טרעפ איז ער אזוי מיד געווען, אז אויף די טרעפ האט ער זיך אראפגעזעצט און איינגעשלאפן.

ר"ר שמעלקא האט געווארט און געווארט, און געזען אז ער קומט נישט צוריק, איז ער אים געגאנגען זוכן, און געטראפן אז ער שלאפט. איז ער צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: "ברודער, אז דו שלאפסט יעצט, וואס וועסטו טון אין קבר...?"

### געדארפט גיין צופיס

זיי זענען ביידע געפארן צום גרויסן מגיד פון מעזריטש, און זיך פארערכנט פון די גרויסע תלמידים. דאס ערשטע מאל וואס זיי זענען אנגעקומען צום גרויסן מגיד, איז דער גרויסער מגיד געליגן אין בעט [ער איז אלץ געווען זייער שוואך]. ער האט זיי אויפגענומען זייער שיין, זיי אוועקגעזעצט נעבן זיך, און געפרעגט: "אזעלכע גרויסע גדולים ווי ענק, דארפן קומען צו פארן צו מיר זעכציג פרסאות?"

נאכדעם האט ער זיי געזאגט א דבר תורה, און אויסגעפירט: "ס'איז יתכן, אז א מענטש שטייט אויף חצות אינמיטן נאכט זאגן שירות ותשבחות, נאכדעם לערנט ער אפאר שעה, און נאכדעם שטעלט ער זיך דאווענען. איך רעד נישט פון אזא איינער וואס בשעת'ן דאווענען, וואס דאס דאווענען איז אוועקגעשטעלט קעגן אלע עולמות, עשיה, יצירה, בריאה, אצילות, איז ער בכלל נישט דארט, פון אים רעד איך נישט, איך רעד פון איינער וואס קומט אן צו די אלע עולמות, און ער קומט אן ביז אצילות, און נאכן דאווענען פאלט אים אריין א מחשבה פון א שטיקל פניה און גיאות, טוט מען אים איינוויקלען די גאנצע תיקון חצות, די שירות ותשבחות, דאס גאנצע לערנען און דאווענען, און מ'ווארפט עס אין עומקא דתהום רבא" (אונז האבן נישט קיין השגה אין אזעלכע הויכע מדריגות).

ווען זיי האבן געהערט די ווערטער פונעם גרויסן מגיד, האבן זיי זיך אנגערופן: "דער רבי איז גערעכט, צו הערן אזעלכע ווערטער וואלטן אונז נישט געדארפט קומען צו פארן, נאר קומען צופיס".

### קיין שייכות מיטן גוף

ס'שטייט אין 'כתבי קודש' פון רבי משה מידנער ז"ל, אז ר"ר שמעלקא האט אמאל געזאגט אויף זיך, אז מיום עמדו על דעתו האט ער זיך נישט געגעבן קיין קראץ דעם גוף, 'איך וויס נישט וואספארא טובה דער גוף האט מיר געטון אז איך זאל אים דארפן קראצן'.

אין די עלטערע יארן האט ער געזאגט אז ס'איז אים שוין שווער צו פארנעמען דעם גוף, ס'קוקט אים אויס ווי עס שלעפט זיך אים נאך א טארבע מיט קישקעס...

### ענוותן ושפל ברך

ר"ר שמעלקא איז געווען א געוואלדיגער עניו ושפל ברך. ער האט אמאל געזאגט אויף א פשוט'ער שניידער, אז יענער איז אסאך חשוב'ער פון מיר פאר צוויי סיבות, איינס 'ווייל יענער איז א 'נהנה מגיע כפו', ווי ס'שטייט אין פסוק 'יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך', צווייטנס, ווייל דעם שניידער גיבט קיינער נישט קיין כבוד.

### ישיבתו של מעלה

ר"ר שמעלקא האט ווי באקאנט געהאט א ישיבה מיט גאר געהויבענע תלמידים.

הרה"ק ר' מאטל סלאנימער האט געזאגט, אז אין זיין ישיבה האט מען נאר געקענט אריינקומען אויב מ'האט געלערנט אכצן שעה רציפות א מעת לעת!

*

איך האב געהערט פון פאטיקער רב ז"ל - וואס האט געהייסן 'הורוויץ' (איך ווייס נישט צי ער איז געווען אן אייניקל פונעם ר"ר שמעלקא אדער פונעם הפלאה): אז אמאל האט איינער געוואלט אריינגיין אין זיין ישיבה, האט אים ר"ר שמעלקא געזאגט: "אין מיין ישיבה דארף מען לערנען אכצן שעה א מעת לעת, און די איבריגע זעקס שעה דארף מען עסן, שלאפן, דאווענען, און גוט דאווענען".

## זיינע הייליגע תלמידים

ער האט געהאט געוואלדיג גרויסע תלמידים. דער בארדיטשובער רב זצ"ל, דער לובלינער זצ"ל, דער קאזניצער מגיד זצ"ל, הרה"ק ר' משה לייב סאסוב'ער זצ"ל, הרה"ק ר' מרדכי באנעט זצ"ל, דער אורח לחיים, דער קאלובער און נאך.

## נישט פארגעסן פאר קיין רגע

ס'שטייט אין ספר 'זכרון טוב' פונעם הרה"ק ר' איציק'ל נעשכיזער זצ"ל, אז דער לובלינער - וואס איז דאך געווען א תלמיד פונעם ר"ר שמעלקא - האט דערציילט, אז ר"ר שמעלקא האט אים געבעטן, אז היות בשעת ער לערנט און טוט זיך פארטיפן אין א תוס' צי אין א הלכה, קען אמאל זיין אז ער וועט מסיח דעת זיין פון דביקות, בעט ער אז דער לובלינער זאל אים דערמאנען. ער האט געהייסן אז ער זאל אים שאקלען זיין ארמל און אים דערמאנען.

האט דער לובלינער אויסגעפירט, אז ער האט אים קיינמאל נישט געדארפט דערמאנען, ווייל ר"ר שמעלקא, אפילו בשעת ער איז געווען פארטיפט אין לערנען, האט קיינמאל נישט מפסיק געווען פון זיין דביקות. איינמאל האט דער לובלינער געזען אז ער איז זייער פארטיפט, און ער האט חושש געווען אז אפשר יעצט האט ער מפסיק געווען פון זיין דביקות, האט ער אים געוואלט א שאקל געבן. ממש יענע מינוט האט אים ר"ר שמעלקא געזאגט: 'מיין קינד, איך האב זיך שוין אליין דערמאנט'!

## ריח גן עדן

דער לובלינער האט דערציילט, אז בשעת מ'האט געלערנט ביי ר"ר שמעלקא האט מען געפילט א ריח גן עדן. ר"ר שמעלקא האט דאס אבער געוואלט באהאלטן, אז מ'זאל נישט וויסן פון די הויכע דרגא, האט ער אראפגעלייגט בשמים אויפן טיש, אז מ'זאל מיינען אז דער גערוך קומט פון די בשמים.

## רש"י איז זיך מגלה

ר' ישראל ראזנצווייג ע"ה האט דערציילט, אז ווען מ'האט אויפגענומען ר"ר שמעלקא אלס רב אין ניקלשבורג, האט ער פארלאנגט א הוספה, אז מ'זאל אים געבן מער געהאלט פון וואס מ'האט געגעבן פאר דעם פריערדיגן רב, און זיי האבן מסכים געווען. למעשה זענען זיי געווען גרויסע ארעמעלייט, און זיי האבן נישט געקענט צאלן דאס געלט. האבן זיי געמאכט א צוים פארן שטאט און ארויפגעלייגט א שטייער, אז יעדער וואס קומט אריין אין שטאט דארף געבן צוויי גרייצער [די דעמאלסדיגע מטבע], אזוי האבן זיי געקענט צאמשטעלן די געהאלט פארן רב.

איינמאל איז אנגעקומען א גאסט אין שטאט, און מ'האט אים געבעטן דעם שטייער, פרעגט ער: 'פארוואס דארף מען דאס געלט?' האבן זיי פארציילט. האט ער געפרעגט: 'פארוואס קומט זיך אים מער פון דעם פריערדיגן רב?' האבן זיי געזאגט: 'ווייל ער איז א גרעסערער ת"ח פונעם פריערדיגן רב'. האט ער באצאלט און אריין אין שטאט.

נאך וואס דער גאסט איז אריין אין שטאט האט ער געזאגט: 'אויב איז ער טאקע א גרעסערער ת"ח, לאמיר אים גיין פרעגן פשט אין עפעס א רש"י'. מען האט אים צוגעפירט צום שטוב פונעם ר"ר שמעלקא, און ער האט געזאגט: 'היות איך האב געדארפט צאלן שטייער ווייל דער רב איז א גרויסער ת"ח, בעט איך אייך איר זאלט מיר זאגן פשט אין א שווערע רש"י אויף וואס איך מוטשע זיך שוין לאנג'. ער האט געפרעגט, און ר"ר שמעלקא האט אים גלייך געענטפערט, אבער דער אורח איז נישט געווען צופרידן.

האט אים ר"ר שמעלקא געזאגט: 'ווייסטו וואס? איך האב נישט יעצט קיין צייט, געב מיר דריי טעג איך זאל זיך קענען מתבונן זיין'. ווען דער איד איז אוועקגעגאנגען האט ר"ר שמעלקא אנגעהויבן מעיין צו זיין אין דעם רש"י, און ער האט געזען אז ס'איז טאקע זייער שווער צו פארשטיין. האט ער געמאכט א 'תענית הפסקה' פון דריי טעג, ביז רש"י הק' בכבודו ובעצמו איז אראפגעקומען און אים מגלה געווען פשט. און רש"י האט אים געזאגט: 'זאלסט וויסן אז ס'איז דא דריי פלעצער וואס רש"י איז סותם די ווערטער, און מ'קען עס נישט ריכטיג פארשטיין, נאר אויב איך אליין קום זאגן פשט! און דאס איז איינע פון די דריי פלעצער'.

דריי טעג שפעטער איז דער איד צוריקגעקומען, און ר"ר שמעלקא האט אים געזאגט פשט. האט זיך דער איד אנגערופן: 'ס'קען נישט זיין אנדערש נאר אז רש"י הק' אליין איז זיך געקומען מגלה זיין צו דיר!' האט ר"ר שמעלקא פארשטאנען אז דער אורח איז אויך נישט סתם אן אורח, ער האט פארשטאנען אז רש"י האט זיך אויך מגלה געווען צו אים!

## זוכה צו גרויסע באזוכער

מיין ברודער ר' משה ע"ה האט געהערט פון ר' מענדיל קירשנבוים ע"ה, אז אין א געוויסע שטאט וואו ער איז געווען רב האט ר"ר שמעלקא געהאט שטארקע רדיפות. אמאל האט ער געהאט אזעלכע רדיפות אז ס'איז נישט געווען צום אויסהאלטן, האט זיך דער משמש אנגערופן: 'פארוואס רודפ'ט מען עטס דעם רב, איך וועל ענק פארציילן א מעשה וואס איך האב אליין מיטגעלעבט'. ער האט פארציילט, אז דער רב האט געלערנט ביז זייער שפעט. אינמיטן נאכט טראג איך אים אריין א טיי, און טאמער זיצט דארט נאך איינער ברענג איך צוויי גלעזלעך טיי. שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דער צווייטער מענטש איז 'אליהו הנביא'.

איינמאל האב איך געזען אז ס'קומט עפעס א פרעמדער מענטש מיט א קרוין וואס איך האב אים נישט געקענט. ווען ער איז ארויסגעגאנגען האט דער רב מיט אליהו הנביא ארויסבאגלייט דעם איד.

האב איך געפרעגט דעם רב ווער ס'איז געווען דער דריטער? האט ער מיר געענטפערט, נעבן דעם שטאט ניקלשבורג האט געוואוינט א יונגערמאן א גרויסער ירא שמים, און ער האט זיך גענומען א דרך אז ער האט אנגעהויבן צעברעכן די צלמים פון די גויים, ער האט זיך אריינגע'גנב'עט אין די גוי'אישע הייזער און צעבראכן די צלמים. אמאל איז ער ארויפגעקראכן אויף א תיפלה און עס צעבראכן. די אידן פון שטאט האבן אים געווארנט אז ער לייגט אריין זיך אין די גאנצע שטאט אין א געוואלדיגע סכנה. אים איז עס אבער נישט אנגעגאנגען, און ער האט ווייטער צעבראכן.

די גויים האבן געזען אז מ'האלט אינאיין צעברעכן צלמים, האבן זיי אוועקגעשטעלט שומרים זאלן נאכקוקן ווער ס'טוט דאס, און מ'האט אים טאקע געכאפט און רח"ל גע'הרג'עט.

די אלמנה איז געקומען צו דער קהילה, און פארלאנגט אז מ'זאל געבן פרנסה פאר די יתומים (אזוי איז געווען דער מנהג אז ווען איינער איז גע'הרג'עט געווארן האט די קהילה געשפייזט די אלמנה מיט די קינדער). די קהילה האט אבער נישט געוואלט, זיי האבן גע'טענה'ט אז מ'האט אים געווארנט פארדעם, און ער האט נישט צוגעהערט, הייסט עס ווי א 'מאבד עצמו לדעת', ממילא איז מען נישט מחוייב אים מפרנס צו זיין, איז געבליבן אז זיי וועלן קומען צו ר"ר שמעלקא ער זאל פסק'ענען.

האט ר"ר שמעלקא דערציילט פאר דעם משמש, פאר איך האב ארויסגעגעבן דעם פסק, איז געקומען צו מיר 'מנשה מלך ישראל', און ער האט מיר געזאגט אז דער יונגערמאן וואס איז גע'הרג'עט געווארן איז געווען מיין נשמה, דאס איז געווען וויבאלד בחייו האט ער פארשפרייט עבודה זרה צווישן די אידן רח"ל, איז ער נתגלגל געווארן אין דעם איד מתקן צו זיין דעם חטא ביז מסירת נפש, און ער האט דאס געדארפט טון אזוי ווייט ביז ער איז אוועק אויף קידוש השם. און ר"ר שמעלקא האט טאקע געבעטן אז דער קהילה זאל מפרנס זיין די משפחה.

האט דער משמש אויסגעפירט צו די שטאט מענטשן: "אויב 'מנשה מלך ישראל' איז געקומען צום רב בהקיץ, קענט עטס זיך פארשטעלן די גרויסע קדושה פונעם רב?!"

[איינער פון די צדיקים האבן דערציילט די מעשה, האט ער מפליא געווען די תמימות פונעם משמש, הגם ער האט כסדר געזען אליהו הנביא ביים ר"ר שמעלקא, אבער אין דעם האט ער נישט געזען קיין שום מעלה, אבער אז ער האט געזען אז ער האט זוכה געווען צו זעהן מנשה מלך ישראל, פון דעם איז ער נתפעל געווארן.]

## מרגיש געווען די שחיטה

ס'שטייט אין 'סיפורים נפלאות מגדולי ישראל', א מעשה וואס ער האט געהערט פון א איד ר' יאסל גראף, וואס האט עס אליין געהערט פונעם אבני נזר זצ"ל: אמאל איז ר"ר שמעלקא געגאנגען אין גאס, זענען אויף אים ארויפגעשפרונגען צוויי גרויסע הונט, זיי האבן אים שוין אנגעכאפט בייח האלז, אבער ער איז ניצול געווארן בדרך נס.

האט ר"ר שמעלקא שפעטער דערציילט, אז אמאל האט ער מעביר געווען צוויי שוחטים ווייל ער האט געזען אז ס'טויג נישט מיט זיי, זיי זענען נישט געווען קיין ערליכע. און ווען זיי זענען אוועק פון דער וועלט זענען זיי מגולגל געווארן אין די הונט, און זיי האבן געהאט א שליטה אויף אים, וויבאלד ער האט נישט פארזארגט אז זיי זאלן שפעטער האבן פרנסה. למעשה האט מען מן השמים רחמנות געהאט אויף אים, און מ'האט אים מציל געווען.

*

ס'שטייט אין 'כתבי קודש', אז ר"ר שמעלקא האט אמאל געזען פון זיין פענסטער א פרוי גייט דורך צו פארקויפן געשאכטענע גענז, האט ער געהייסן דער משמש זאל איר אריינרופן. ווען זי איז אריינגעקומען פרעגט ער איר: 'ווער האט געשאכטן די גענז?' האט זי געענטפערט דער און דער שוחט. האט ער געהייסן זי זאלווארטן, און ער האט גערלאזט רופן דעם שוחט. דער שוחט קומט אריין, פרעגט ער אים: 'דו האסט געשאכטן די גענז?' זאגט ער 'ניין'. זאגט די פרוי: 'ניין, איך האב געהאט א טעות, נישט דער שוחט, א צווייטער שוחט'. ער האט איר געהייסן ווארטן, און געלאזט רופן

יענעם. מ'איז געוואויר געווארן אז ס'איז נישט אמת. אזוי איז געווען מיט א דריטער אויך.

למעשה פון גרויס פחד האט זי מודה געווען אז שוין אפאר יאר רח"ל וואס זי הרג'עט אליין די גענז... האט איר דער ר"ר שמעלקא געפרעגט: "דו ווילסט תשובה טון?" האט זי געענטפערט אז אויב די תשובה וועט זיין א גרינגע איז זי גרייט.

האט ר"ר שמעלקא איר געהייסן אהיימגיין, זיך מאכן ווי זי איז קראנק, און זיך מאכן ווי זי איז געשטארבן. כך הוה, זי האט זיך געמאכט ווי זי איז קראנק און זי איז געשטארבן, און מ'האט איר געטראגן צום בית הקברות. דער גאנצער שטאט איז נאכגעגאנגען די מטה, וויבאלד מ'האט דאך געוואוסט אז זי לעבט נאך יא. מ'איז אנגעקומען אינדרויסן פון שטאט האט מען איר אויפגעדעקט, און ר"ר שמעלקא האט זיך אנגעלענט אויף זיין שטעקן. גלייך זענען געקומען צו פליען א געוואלד מיט גענז וואס האבן איר צעפליקט אויף שטיקלעך, און ס'איז נישט געבליבן פון איר קיין זכר רח"ל.

[ס'ווערט גע'פסק'נט אין הלכה, אז איינער וואס געבט רח"ל טריפות צו עסן פאר אידן 'אסור להתעסק בקבורתו', טאר מען זיך נישט מתעסק זיין מיט זיין קבורה.]

## שלש סעודות

מיין ברודער ר' משה ע"ה האט געהערט פון ר' משה גבאי ע"ה, אז ר"ר שמעלקא פלעגט צו פירן שלש סעודות ביז שפעט מוצאי שבת, ווייל מוצאי שבת גייען די נשמות צוריק אין גיהנום, האט ער געוואלט אויסציען דעם שבת ווי לענגער. אמאל איז דורכגעגאנגען א מתנגד, און אריינגעווארפן א שטיין דארט וואו ר"ר שמעלקא איז געזעסן. ס'איז נישט דורכגעגאנגען אפאר טעג, און ער איז נפטר געווארן רח"ל.

מיט א צייט שפעטער איז ר"ר שמעלקא אמאל געזעסן ביי של"ס, און ער האט זיך צעלאכט, און זיך אנגערופן: 'אויף יענער וועלט ווערט ער א חסיד...' וואס איז די מעשה געווען, גלייך מוצאי שבת האט מען דעם מתנגד צוריקגעשיקט אין גיהנום, האט ער אבער גע'טענה'ט אז ר"ר שמעלקא זיצט נאך ביי של"ס... פארשטייט זיך אז מ'האט נישט אנגענומען זיינע טענות. וועגן דעם האט זיך דער ר"ר שמעלקא צולאכט און געזאגט אז אויף יענער וועלט ווערט ער א חסיד.

## וראו כל עמי הארץ

הרה"ק ר' מאטל סלאנימער זצ"ל האט דערציילט, אז מ'האט אמאל געמאכט א שרעקליכער בלבול אויף ר"ר שמעלקא, אזוי ווייט, אז מ'האט אים דן געווען למיתה רח"ל.

ביי די גויים איז עס געווען א גאנצער מציאה, אז מ'האט דאס דערגרייכט אויף אזא גרויסער מענטש ביי די אידן, האבן זיי אוועקגעשטעלט אינמיטן שטאט א גרויסער בימה, וואס דארט זאל מען אים משפט'ן. ווען מ'איז אנגעקומען צום משפט זענען דארט געשטאנען די שופטים און די עדים. פאר מ'האט פארגעליינט דעם באשולדיגונגס כתב, האט זיך ר"ר שמעלקא אנגערופן כלפי שמיא: 'לעבעדיגער גאט, באוויז דיין ווארהייט'.

גלייך איז די הימל געווארן פארוואלקנט, ס'איז געקומען א בליץ, און ביידע פאלשע עדים זענען אויפן פלאץ פארברענט געווארן.

## מסירת נפש פאר א איד

נאך האט דערציילט רבי מאטל סלאנימער, אז הרה"ק ר' משה לייב סאסובער זצ"ל איז דאך געווען א תלמיד פונעם ר"ר שמעלקא. אמאל ווען ר' משה לייב האט זיך געזעגנט פון ר"ר שמעלקא

וועלנדיג אהיימפארן, האט זיך ר"ר שמעלקא אנגערופן: "פאר א אידנ'ס וועגן דארף מען האבן מסירת נפש". ער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט, און ער איז אהיימגעפארן.

אינמיטן וועג האט ער געהערט פון א גרוב קולות פון א פרוי מיט קינדער. אמאליגע צייטן זענען דאך אידן געווען הפקר ביי די פריצים, און אז מ'האט נישט געצאלט קיין שכירות געלט האט מען געקענט אריינווארפן אין א גרוב ביז אויסגיין פאר הונגער. ר' משה לייב האט געפרעגט: 'וואו וואוינט דער פריץ?' האט מען אים געזאגט אז ביים עק פון די וועג וואוינט ער. איז ער אהינגעגאנגען און געקלאפט אויפן טיר. איז ארויסגעקומען איינער פון די שומרים און געפרעגט וואס ער דארף, האט ער געזאגט אז ער וויל זען דעם פריץ.

דער שומר האט געזען דעם הדרת פנים פון ר' משה לייב האט עס געמאכט א שטארקער רושם, איז ער אריין צום פריץ זאגן אז עפעס א איד א בעל צורה וויל אים זען. בשעת מעשה איז געווען ביים פריץ א גרויסער צאמקום פון פריצים, און מ'האט גע'שיכור'ט. אז דער פריץ האט געהערט אז איינער וויל אים זען איז ער געגאנגען צום טיר. ווען ער האט געזען ר' משה לייב האט ער אים געפרעגט וואס ער וויל? האט ר' משה לייב געזאגט אז ער בעט ער זאל ארויסלאזן דעם איד. דער פריץ איז געווארן זייער אויפגערעגט, אז ער האלט דא אינמיטן אזא צאמקום מיט זיינע חברים, און דא קומט ער מוטשענען מיט אזעלכע נארישקייטן. האט ער אים אוועקגעשיקט.

די פאלאץ האט געהאט טירן פון אלע פיר זייטן, און ביי יעדע טויער איז געשטאנען א צווייטער שומר. אז ר' משה לייב האט געזען אז ס'איז אים נישט געלונגען, איז ער געגאנגען צו א צווייטער טויער, יענער שומר האט גארנישט געוואוסט, און ר' משה לייב האט אריינגעקלאפט אז ער וויל זען דעם פריץ, איז דער שומר אריין צום פריץ, קומט דער פריץ ארויס פרעגן וואס ווילסטו? האט ער נאכאמאל געזאגט: 'פארוואס האסטו אריינגעווארפן די פרוי און קינדער אין בור?' האט ער זיך אויפגערעגט און אים ווייטער אוועקגעשיקט.

ר' משה לייב האט נישט אויפגעגעבן, נאר געגאנגען צום דריטן טיר, וואס דער שומר האט אים נישט געקענט, און האט אויך גערופן דעם פריץ. דער פריץ איז געווארן מורא'דיג אין כעס און אים ארויסגעווארפן פון זיין הויז.

ר' משה לייב האט זיך נאכאלץ נישט מייאש געווען, איז ער געגאנגען צום פערטן טיר, און דער שומר האט גערופן דעם פריץ. דער פריץ איז שוין געווען גוט אנגעטרונקען און גוט אין כעס, איז ער אריין צו זיינע חברים און דערציילט וואס ס'גייט דא פאר, און זיי געפרעגט וואס טוט מען מיט אזא איד?

האט ער געהייסן זיינע משרתים זאלן אריינברענגען דעם איד, און מ'זאל אריינברענגען דריי עזות פנימ'ער (כלבים), וואס זיי וועלן אים רח"ל צערייסן אויף שטיקער. דער פריץ האט טאקע געגעבן א ווינק אז זיי זאלן אים באפאלן. אבער פארשטייט זיך אז זיי האבן אים נישט צוגערירט, נאר זיי האבן אים ארומגענומען און ממש געלעקט!

אז דער פריץ האט געזען אז ער איז אזא הייליגער מענטש, האט ער אים געפרעגט 'וואס דארפסטו?' האט ער אים געבעטן ער זאל באפרייען די משפחה, און ר' משה לייב האט אזוי געזאגט: "ווערסט טון מיין פארלאנג, פריי צו לאזן די פרוי און קינדער איז גוט, אז נישט וועלן די זעלבע כלבים טון פאר דיר דאס וואס דו האסט געוואלט טון פאר מיר". דעם פריץ איז באפאלן א מורא'דיגע פחד, און ער האט זיי גלייך באפרייט.

## נאכגעלאפן דעם ארעמאן

אמאל איז געקומען צו ר"ר שמעלקא אן ארעמאן נאך צדקה. ער האט געזוכט און געזוכט און גארנישט געהאט. ער האט געטראפן די רינגל פון זיין רביצין אונטערן קושן און האט אים דאס געגעבן.

אזוי ווי דער ארעמאן איז ארויס פון שטוב איז די רביצין אריין, און זי האט געזען אז די רינגל איז נעלם געווארן, האט זי פארשטאנען אז ער האט עס אים געגעבן. האט זי אנגעפאנגען שרייען אז אין דעם רינגל איז דא גאר א טייערע שטיינדל, וואס איז ווערד א הון תועפות.

אזוי ווי ר"ר שמעלקא האט דאס געהערט, איז ער ארויסגעגאנגען צום ארעמאן. אז דער ארעמאן האט געזען אז ער לויפט אים נאך, האט ער געמיינט אז מ'וויל עס צוריקבעטן, איז ער אוועקגעלאפן. ר"ר שמעלקא האט אים דערוויסט און אים געזאגט: 'זאלסט וויסן אז אין דעם רינגל וואס איך האב דיר געגעבן ליגט גאר א טייערע שטיינדל, געב אכטונג פארקויף עס נישט פאר קיין קליין געלט'.

שפעטער האט ר"ר שמעלקא געזאגט: יעצט פארשטיי איך די גמרא וואס זאגט אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו גיי זאג פאר די אידן 'מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה', האט ער געזאגט, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'גיי זאג פאר די אידן דאס טייערקייט פונעם שבת, און זיי זאלן עס נישט פארקויפן פאר ביליג - ד"ה, אז זיי זאלן נישט פארברענגען דעם שבת מיט גארנישט', נאר אויסניצן בשלימות.

***

## ויגדל משה

למען אחי אדבר נא, אז מ'איז עוסק אין חסיד'ישע מלוה מלכה, איז אוודאי א חוב און א זכות צו דערמאנען מיין חשוב'ער ברודער **הרה"ח ר' משה ע"ה בן אבי מורי הגה"צ ר' שמואל אפרים זלמן זצ"ל**, וואס זיין יארצייט איז אויך א' אייר. וויפיל מ'וועט נאר רעדן וועט נאכאלץ זיין שוואער ארויסצוברענגען זיין געוואלדיגע יראת שמים הקודמת לחכמתו, וואס גרויסע צדיקים האבן דאס מפליא געווען. זיין התמדת התורה מיט א חסיד'ישער ברען, וואס איז געווען א דוגמא פון אן אמת'ער חסיד'ישער איד מיט אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, זיין תורה עבודה וגמילת חסדים. זיין געוואלדיגע התקשרות והתבטלות לצדיקים.

## ויאמר משה

א גרויסע חלק וואס מיר דערמאנען דא, האב איך זוכה געווען צו שמועסן און הערן פון אים. ער פלעגט כסדר דערמאנען דעם ווארט פונעם הייליגן רוזינער אויפן פסוק 'אשר יקרא אתכם באחרית הימים', אז דער עצה זיך צו קענען דערהאלטן מיט אמונה שלימה אין די צייטן פון עיקבתא דמשיחא, וואס ס'וועט אראפקומען א מבול פון אפיקורסות, איז נאר צו דערציילן און שמועסן פון צדיקים.

**דער רבוש"ע זאל העלפן, אז דער זכות פון די אלע צדיקים זאלן מגין זיין, און ס'זאל זיין לטובת ועילוי נשמתו, וימליץ טוב בעדנו ולכל ישראל אמן.**

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865
צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com